# געטאָ־אַקאַדעמיע

אַרײַנפֿירן : יצחק ניבאָרסקי

Introductions : Yitskhok Niborski

**1.** פֿון דער פּאָעמע **לך־לך** פֿון **שׂימחה־בינם שאַיעוויטש**

(עס לייענט : אַניק פּרים־מאַרגוליס)

**1. Simkhe-Binem Shayevitch** : ***Lekh lekho*… Va-t-en…**

(Fragments) - Traduction : Batia Baum (Lecture : Michel Fisbein)

און אַצינד בלימעלע, קינד־לעב,
צום דײַן קינדערשע פֿרייד –
ס׳קוועקזילבערדיקע טײַכל אין דיר –
און צום אומבאַקאַנטן וועג לאָמיר זײַן גרייט.

שטעל נישט דײַנע גרויסע ברוינע
אויגענעס אויף מיר נײַגעריק אויס
און פֿרעג נישט פֿאַר װען און פֿאַר וואָס
מיר מוזן פֿאַרלאָזן אונדזער הויז.

איך אַליין בין שוין, קינד־לעב שיינס,
אַ מענטש דערוואַקסן און שוין גרויס
און ווייס אויך נישט, פֿאַר וואָס מע טרײַבט
דעם פֿויגל פֿון זײַן נעסט אַרויס.

האַלט אײַן דײַנע זיסע צאַרטע
געלעכטערלעך – זילבערנער געקלאַנג
פֿון פֿאַרצײַטישע בשׂמים־ביקסלעך –
און טו דיך אָן צום צווייטן גאַנג.

Et maintenant, Blimele, mon enfant,
réfrène le flot de ta joie ingénue,
ce ruisseau en toi de vif argent —
il faut être prêts à partir pour l'inconnu.

Ne pose pas sur moi de grands yeux,
tes yeux bruns curieux écarquillés,
ni ne demande pourquoi, pour quel lieu,
il nous faut abandonner notre foyer.

J’ai beau moi-même, enfant chérie,
être un homme mûr et prémuni,
je ne sais pas non plus pourquoi
on chasse l'oiseau hors de son nid.

Réprime tes doux rires innocents,
fines clochettes au son argentin
d’anciennes cassolettes à encens,
il faut te vêtir pour ce long chemin.

Mets tes petits pantalons douillets
que ta mère, la nuit dernière,
a tout juste raccommodés à ta taille
avec ses rires et ses chants,

sans savoir que notre pauvre demeure
entendait ses derniers rires de bonheur.
Comme le veau mugit sans rien savoir
du couteau dans la main de l’abatteur.
……………………………………………
Dehors passent déjà en se traînant
les premières longues files d’errants,
femmes, hommes, vieillards, portant
de lourds sacs sur le dos, sur les bras — des enfants.

Leurs visages emmitouflés, cuisants,
rougis par le gel, la honte et le remords,
leurs pas — chancelants, défaillants,
leurs regards — de condamnés à mort.

Mais en cette nouvelle Destruction,
il n’est pas de Jérémie pour clamer ses Lamentations,
il ne part pas avec eux leur porter consolation
comme en l’exil sur les rives des fleuves de Babylone.

……………………………………………………….

טו אָן די פּאָר וואַרעמע הייזלעך
וואָס ס׳האָט דיר צו רעכט געמאַכט
די מאַמע ערשט נעכטן בײַ נאַכט
און דערבײַ געזונגען און געלאַכט,

און נישט געוווּסט, אַז די שטוב הערט
שוין איר לעצט פֿריילעך געלעכטער,
ווי די קו וואָס מעקעט און ווייסט נישט
פֿון חלף אין האַנט פֿון שעכטער.
........................................................
אָט דרויסן שלעפּן זיך שוין פֿאַרבײַ
די ערשטע גרופּן אויפֿן וואַנדער –
פֿרויען, מענער, זקנים. אויף רוקנס –
משׂאָות שווערע. אויף הענט – קינדער.

זייערע פֿאַרבאַבלטע פּנימער
זענען פֿון שאַנד און פֿראָסט שיכּור רויט.
זייערע שריט – פֿאַרחלשט וואַקלדיק,
מיט בליקן פֿאַרמישפּטע צום טויט.

נאָר אויף דעם חורבן איז נישטאָ
ירמיה, וואָס זאָל קלאָגן איכה ;
ער גייט נישט מיט מיט זיי אין גלות
צום טרייסט, ווי בײַ די בבֿל־טײַכן.

..................................................................

Il faut à présent prendre à la main
l’antique bâton d’errance et s’en aller,
sans savoir où va s’échouer
notre pauvre carcasse efflanquée,

si nous parviendrons au bout du chemin
et trouverons un lieu de repos,
si des hommes nous tendront la main
avec amitié et une bonne parole

ou si, tels des oiseaux en vol, épuisés,
tombés morts au fond d'un vallon,
nous périrons au milieu du chemin —
sans sépulture en un cimetière.

און מיר מוזן נעמען אין האַנט
דעם אַלטן וואַנדער־שטעקן און גיין
און נישט וויסן ווו ס'וועט אַהינקומען
אונדזער אָרעם און קראַנק געביין,

צי מיר וועלן קומען ערגעץ
און דערגיין אויף אַן אָפּרו־אָרט,
און מענטשן וועלן אויסשטרעקן
הענט פֿרײַנדלעכע מיט אַ גוט וואָרט,

צי ווי פֿייגל קראַנקע, וואָס בלײַבן
ליגן טויט אין פֿעלד ערגעץ אין אַ טאָל,
וועלן מיר אויסגיין אין מיטן וועג –
נישט קומען צו קבֿר־ישׂראל.

## 2. פֿון **ליד פֿון אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק** פֿון **יצחק קאַצענעלסאָן**

(עס לייענט :  מישעל טאַובער)

ו. די ערשטע

און ס'איז אַוועק אַ גאַנג : צו צען אַ טאָג, צען טויזנט ייִדן אין איין טאָג, דאָס האָט
ניט לאַנג געדויערט, אָ, ניט לאַנג, מען האָט גענומען באַלד צו פֿופֿצן טויזנט זיי –
די שטאָט מיט ייִדן – וואַרשע ! די אַרומגעצוימטע, די אַרומגעמויערטע די שטאָט
איז פֿאַר די אויגן אײַנגעגאַנגען מיר, איז אויסגעגאַנגען, צעגאַנגען ווי אַ שניי.
וואַרשע ! די אַלט ייִדישע, די פֿולע ווי אַ שול יום־כּיפּור, ווי אַ מאַרק אויף אַ יאַריד,
ייִדן וואַרשעווער, ייִדן האַנדלענדיקע אויפֿן מאַרק, ייִדן דאַוונענדיקע אין די שול –
אַזוי אומעטיק און אַזוי פֿריילעך – אָ, פּרנסה־זוכנדיקער און גאָטזוכנדיקער ייִד !
וואַרשע די פֿאַרמויערטע אַרום, די אָפּגעשלאָסענע – איז געווען מיט דיר ערשט פֿול !
יעצט ביסטו לער ! יעצט ביסטו ליידיק ! יעצט ביסטו אויסגעליידיקט גאַנץ און לער !
יעצט ביסטו אַ בית־עולם, אַ בית־הקבֿרות וויסט, און וויסטער נאָך, דו ביסט –
גאַסן אויסגעשטאָרבן – און מען זעט קיין מת אַפֿילו זיך ניט וואַלגערן דאָרט מער,
און הײַזער אָפֿענע און קיינער גייט אַרויס ניט, ניט אַרײַן אין הײַזער וויסט.
די ערשטע אומצוברענגען זענ' געווען קינדער, יתומימלעך פֿאַרלאָזענע, עס הייסט
דאָס בעסטע אויף דער וועלט, דאָס שענסטע וואָס די ערד, די פֿינצטערע, פֿאַרמאָגט !
אָ, פֿון די עלנטסטע יתומימלעך אין קינדערהיימען וואָלט געוואַקסן אונדז אַ טרייסט,
פֿון די אומעטיקסטע, שטומע פּנימלעך, די חושכדיקע, וואָלט געטאָגט אונדז, וואָלט געטאָגט !

**2. Yitskhok Katzenelson** : du **Chant du peuple juif assassiné**
(Fragments) - Traduction : Batia Baum (Lecture : Arnaud Bikard)

VI LES PREMIERS
Et la machine s’est mise en marche. Dix mille par jour, dix mille Juifs en une journée,
Cela n’a pas duré, oh, pas longtemps, on est vite passé à quinze mille raflés…
La ville aux Juifs – Varsovie ! La ville clôturée, emmurée, la ville-piège
Sous mes yeux s’est rétrécie, s’est réduite à néant, a fondu comme neige.
Varsovie ! Vieille ville juive, bondée comme une synagogue au jour du Pardon,
Comme le marché un jour de foire ! Juifs de Varsovie, si tristes et si joyeux,
Vendant au marché, priant à la *shul* – ô Juifs quêteurs de subsistance et quêteurs de Dieu !
Varsovie emmurée, Varsovie enclose, hier encore était si pleine de vous !
Aujourd’hui te voici vide ! Aujourd’hui te voici dévastée, entièrement vide et nue !
Désormais tu es un cimetière, une nécropole déserte, et plus déserte encore,
Une ville morte, en tes rues défuntes on ne voit plus errer de morts.
Et des maisons ouvertes, maisons délaissées où plus personne n’entre ni ne sort.
Les premiers à périr furent les enfants, les orphelins à l’abandon,
Eux, le sel de la terre, le plus beau et le plus clair en ce monde d’obscurité !
Oh, des orphelins esseulés, en leurs foyers d’enfants, serait née notre consolation,
De ces petits visages tristes et muets, de ces visages sombres nous serait venu le jour !

## 2. [המשך]

(עס לייענט : טל חבֿר כיבאָווסקי)

יאָ, יאָ, איך בין סוף־ווינטער צוויי און פֿערציק אין אַ קינדערהיים אַזאַ געווען
און קינדער, ערשט געבראַכטע פֿון דער גאַס, געזען. כ׳האָב אין אַ ווינקל זיך פֿאַררוקט –
און האָב אין שויס פֿון אַ דערציִערין אַ קוים צוויי־יעריק מיידעלע געזען –
אַ מאָגערינקע, אַ טויט־בלאַסינקע און אויגן ערנסטע, איך האָב געקוקט, געקוקט –
כ׳האָב אָנגעקוקט זי, די צוויי־יעריקע, די אַלטיטשקע, די באָבע – הונדערט יאָר
איז דאָס ייִדישע, דאָס מיידעלע שוין אַלט, דער ערנסט אירער און איר גרויסע פּײַן –
דאָס וואָס די באָבע אירע האָט אין חלום ניט געזען האָט דאָס מיידעלע געזען, און אויף דער וואָר,
איך האָב צעוויינט זיך און געזאָגט זיך : וויין ניט, די פּײַן פֿאַרשווינדט און דער ערנסט וועט שוין זײַן !
דער ערנסט בלײַבט, ער גיסט זיך אין דער וועלט אַרײַן, אין לעבן, און פֿאַרטיפֿט׳ס,
דער ייִדישער דער ערנסט, ניכטערט אויס, וועקט אויף, רײַסט ברייט אויף אויגן בלינד ;
ס׳איז ווי אַ תּורה פֿאַר דער וועלט, ווי אַ נבֿואה, ווי אַ הייליקע אַ שריפֿט –
וויין ניט, וויין ניט... אַכציק מיליאָן רוצחים פֿאַר דעם ערנסט פֿון אַ ייִדיש קינד.
וויין ניט... איך האָב געזען אַ מיידעלע פֿון אַ יאָר פֿינף אין יענעם „פּ ו נ ק ט“,
זי האָט אַ ווײנענדיקן ברודערל, אַ קלענערן אַ סך פֿון איר, אַ לײַדנדן גענערט...
זי האָט פֿאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט אין אַ מאַרמאָלאַד אַ שיטערן געטונקט
און קונציק אים אין מײַלעכל אַרײַנגעשמוגלט... מיר איז געווען באַשערט
צו זען עס, זען דער מאַמען, זען דער מאַמען דער פֿינף־יעריקער ווי זי שפּײַזט אים, אירע רייד
צו אים געהערט. מײַן מאַמע, איינע אין דער וועלט, איז ניט דערפֿינדעריש אַזוי געווען !
זי האָט אַ טרער אים אָפּגעווישט מיט אַ געלעכטער, אַרײַנגערעדט אין אים אַ פֿרייד,
ס׳ייִדיש מיידעלע ! שלום־עליכם האָט עס בעסער ניט געקענט. איך האָב׳ס געזען !

**2. [Suite]**

(Lecture : Nadia Déhan)

Oui, je me suis trouvé à la fin de l'hiver quarante-deux dans l'un de ces foyers,
Retiré dans un coin, j'ai vu des enfants tout juste recueillis dans la rue.
Sur les genoux d'une monitrice, j'ai vu une fillette d'à peine deux ans,
Maigrichonne, pâle comme la mort, et les yeux si graves, je l'ai vue.
J'ai contemplé cette petite de deux ans, cette petite vieille, cette grand-mère…
Cent ans d'âge porte cette fillette juive, avec sa gravité et sa lourde peine.
Ce que sa grand-mère n'a pas vu même en rêve, cette fillette l'a vu, et en réalité.
J'ai pleuré, et me suis dit : ne pleure pas, la peine s'efface, reste la gravité !
La gravité demeure, se déverse dans le monde, dans la vie, lui donne profondeur,
La gravité juive, elle dégrise, éveille, ouvre grand les yeux aveugles, les avive…
C'est comme une Torah pour le monde, comme une prophétie, une sainte écriture…
Non, ne pleure pas… Quatre-vingts millions d'assassins pour la gravité d'un enfant juif !
Ne pleure pas… J'ai vu dans ce refuge d'enfants une fillette vieille de cinq ans
Donnant la becquée à son petit frère en pleurs, un tout petit, souffrant…
Elle trempait de menus morceaux de pain dur dans un brouet clair
Et les glissait avec adresse dans la petite bouche rétive… Il m'est échu cette grâce
De voir cela, cette maman, cette petite mère de cinq ans nourrissant son enfant,
Et avec quelles paroles ! Ma mère, unique au monde, n'était pas si inventive !
D'un rire elle essuyait une larme, d'un mot lui prodiguait la joie,
Tout l'humour de Sholem-Aleykhem n'aurait su faire mieux que cette fillette juive !

## 2. [סוף]

(עס לייענט : שחר פֿײַנבערג)

איך האָב געזען דעם גרויסן עלנט דאָרט, אין קינדערהיים אין יענעם, כ׳בין אַרײַן
אין צווייטן זאַל – דאָרט אויך, דאָרט אויך – עס האָט געיאָגט אַ ביטערע אַ קעלט,
פֿון ווײַטן האָט אַן אויוון אויף אַ בלעך געוואָרפֿן אויף אַ הײַפֿל קינדער העל אַ שײַן,
עס האָבן קינדערלעך האַלב נאַקעטע בײַם קאָקס, בײַם גליענדיקן זיך אַרומגעשטעלט.
עס האָט געגליט דער קאָקס. דער האָט אַ פּיסעלע, דער אַ געפּרוּווירן הענטעלע אַרויסגעשטעקט,
דער אַ נאַקעטע אַ פּלייצקע, און איינער אַ שוואַרץ אויגיק, אַ בלאַס ייִנגעלע, נאָך גאָר אַ יונגס,
ער האָט דערציילט אַ מעשׂהלע. ניין, ניט אַ מעשׂהלע ! ער האָט געברויזט, ער איז געווען אויפֿגערעגט –
ישעיה ! דו, אָ דו, האָסט ניט געפֿלאַמט ווי ער, האָסט ניט געהאַט אַזאַ אַ ייִדישע אַ צונג.
ער האָט גערעדט אַ ייִדיש געמישט מיט לשון־קודש. ניין ! ס׳איז לשון־קודש בלויז !
האָרך, האָרך, קוק אָן די ייִדישע, די אויגן זײַנע, און דעם שטערן און ווי ער הייבט
דעם קאָפּ אויף... ישעיה ! ביסט ניט קליין געווען ווי ער און ניט געווען אַזוי גרויס,
ביסט ניט געווען גוט אַזוי, ניט אמתדיק אַזוי, און האָסט, ישעיה, ניט אַזוי געגלייבט !...
און ניט אַזוי דאָס ייִנגעלע אין יענעם קינדערפּונקט, דאָס ייִנגעלע וואָס האָט אַזוי גערעדט,
נאָר זײַנע שוועסטערלעך און ברידערלעך וואָס האָבן אים מיט מײַלעכלעך מיט אָפֿענע געהערט –
אָ ניין, איר לענדער אַלע, אייראָפּעס אַלטע און נײַ אויפֿגעבויטע גרויסע שטעט,
אַזוינס האָט דאָך די וועלט נאָך ניט געזען, ניט געהאַט אַזעלכעס האָט די ערד.
זיי זענ׳ געווען די ערשטע אומצוקומען, די ייִדישע די קינדער, אַלע זיי, דאָס רובֿ
אָן טאַטע־מאַמע, קינדער אויפֿגעגעסענע פֿון קעלט, פֿון הונגער און פֿון לײַז –
משיחים הייליקע, געהייליקטע אין לײַדן... אָ, זאָגט, פֿאַר וואָס די שטראָף ?
פֿאַר וואָס אין אומקומטעג די ערשטע צאָלן אים, דעם בייז, דעם העכסטן פּרײַז ?
זיי זענ׳ געווען די ערשטע, די גענומענע צום טויט, די ערשטע אויף דער פֿור,
מען האָט געוואָרפֿן אין די וועגענער די גרויסע זיי, ווי הויפֿנס מיסט, ווי מיסט –
און אַוועקגעפֿירט זיי, אויסגעהרגעט זיי, פֿאַרניכט זיי, ס׳איז קיין שפּור
פֿון זיי, פֿון מײַנע בעסטע, ניט געבליבן מער ! אַך וויי איז מיר און ווינד איז מיר און וויסט !

**2. [Fin]**

(Lecture : Valentina Fedchenko)

J’ai vu la plus extrême détresse dans cette maison d’enfants.
Je suis entré dans l’autre salle – et là aussi, là aussi régnait un froid mordant :
Au fond, un poêle sur une tôle offrait sa lueur vive à une poignée d’enfants,
Un cercle de bambins à demi-nus, serrés autour des charbons ardents.
Devant le coke incandescent, ils tendaient un petit pied, une petite main gelée,
Un petit dos dénudé, et l’un d’eux, pâle gamin aux yeux noirs, tout jeune encore,
Racontait une histoire. Non, pas une histoire ! Une flambée, un brasier de colère !
Isaïe ! Toi, ô toi, tu n’étais pas si enflammé, tu n’avais pas la langue si juive !
Il parlait un yiddish mêlé de langue sacrée. Non, ce n’était que langue sacrée !
Écoute, écoute, regarde ses yeux juifs, son front, et comme il lève la tête…
Isaïe ! Tu n’étais pas aussi petit que lui, et tu n’étais pas aussi grand,
Tu n’étais pas aussi juste, pas aussi vrai, Isaïe, tu n’étais pas aussi ardent !
Et non seulement ce garçon, en ce refuge d’enfants, ce jeune garçon au parler véhément,
Mais ses petits frères et soeurs, en train de l’écouter bouche bée…
Non, vous tous, pays de la vieille Europe, capitales anciennes ou nouvelles,
Non, la terre n’a encore rien vu de pareil, le monde n’a jamais vu telle merveille !
Ils furent les premiers à périr, les enfants juifs, tous, la plupart déjà sans parents,
Orphelins transis par le froid, tenaillés par la faim, rongés par la vermine,
Saints messies sanctifiés dans les peines… Dites, pourquoi ce châtiment ?
Pourquoi, aux jours du massacre, les premiers ont-ils dû payer au mal le plus haut prix ?
Ils furent les premiers emmenés pour la mort, les premiers sur la charrette,
Balancés dans les camions comme autant d’ordures, comme autant d’immondices,
On les a déportés, exterminés, réduits en cendres, il ne reste plus trace
Des meilleurs des miens, il ne reste rien ! Hélas, malheur à moi et douleur et désolation !

## 3. Shmerke Katsherginski : Plus bas, plus bas…

Traduction : Evelyne Grumberg - Chant : Michèle Tauber

Plus bas, plus bas. Taisons-nous.
Ici poussent des tombes.
les ennemis les ont semées,
leur verdure monte vers l'azur.
Des routes mènent à Ponar,
aucune n'en revient,
ton père a disparu,
avec lui — le bonheur.

Plus bas, mon enfant : ne pleure pas, trésor,
pleurer ne sert à rien,
notre malheur l'ennemi
s'en moque bien.
Les océans ont des rives,
les prisons des clôtures,
mais à notre douleur
pas d'orée de lumière.

Le printemps est venu au pays
et nous apporte l'automne.
Aujourd'hui le jour est fleuri,
mais à nous seule vient la nuit.
Et lorsque l'automne dore les arbres,
en nous le deuil s'épanouit,
la mère reste orpheline,
l'enfant part pour Ponar.

## 3. שטילער, שטילער... פֿון שמערקע קאַטשערגינסקי

עס זינגט : מישעל טאַובער

שטילער, שטילער, לאָמיר שווײַגן,
קבֿרים וואַקסן דאָ,
ס'האָבן זיי פֿאַרפֿלאַנצט די שׂונאים,
גרינען זיי צום בלאָ.
ס'פֿירן וועגן צו פּאָנאַר צו,
ס'פֿירט קיין וועג צוריק,
איז דער טאַטע ווּ פֿאַרשווּנדן
און מיט אים דאָס גליק.

שטילער, קינד מײַנס, וויין ניט אוצר,
ס'העלפֿט ניט קיין געוויין ;
אונדזער אומגליק וועלן שׂונאים
סײַ-ווי ניט פֿאַרשטיין.
ס'האָבן ברעגעס אויך די ימען,
ס'האָבן תּפֿיסות אויכעט צאַמען,
נאָר צו אונדזער פּײַן,
קיין ביסל שײַן.

פֿרילינג אויפֿן לאַנד געקומען, –
און אונדז האַרבסט געבראַכט.
איז דער טאָג הײַנט פֿול מיט בלומען, –
אונדז זעט נאָר די נאַכט.
גאָלדיקט שוין דער האַרבסט אויף שטאַמען, –
בליט אין אונדז דער צער ;
בלײַבט פֿאַריתומט ווּ אַ מאַמע :
ס'קינד גייט אויף פּאָנאַר.

La Viliya peut bien peiner
sous le joug de la glace,
de la Lituanie toujours
la débâcle s'en va à la mer.
Quelque part les ténèbres se défont
au fond brillent des soleils.
Cavalier, accours,
vite, ton enfant t'appelle.

Plus bas, plus bas, des sources jaillissent
en secret dans nos coeurs.
Les portes bientôt vont s'ouvrir
En attendant restons muets.
Ne te réjouis pas, mon enfant.
Ton sourire nous trahit.
Que l'ennemi voit le printemps
comme en automne une feuille.

Que la source coule dans le calme,
plus bas, plus bas, mais espère…
Avec la liberté reviendra ton papa.
Dors, mon enfant, dors bien.
Comme la Viliya libre de ses chaînes,
comme les arbres dans leur vert renouveau,
bientôt des lumières de la liberté
resplendira ton visage.

Musique : Alek Wolkowiski (Aleksander Tamir)

ווי די וויליע אַ געשמידטע
ט׳אויך געיאָכט אין פּײַן, –
ציִען קריִעס אײַז דורך ליטע
איצט אין ים אַרײַן.
ס׳ווערט דער חושך וווּ צערונען,
פֿון דער פֿינצטער לײַכטן זונען –
רײַטער, קום געשווינד, –
דיך רופֿט דײַן קינד.

שטילער, שטילער, ס׳קוועלן קוואַלן
אונדז אין האַרץ אַרום.
ביז דער טויער וועט ניט פֿאַלן
זײַן מיר מוזן שטום.
פֿריי ניט, קינד, זיך, ס׳איז דײַן שמייכל
איצט פֿאַר אונדז פֿאַרראַט,
זען דעם פֿרילינג זאָל דער שׂונא
ווי אין האַרבסט אַ בלאַט.

זאָל דער קוואַל זיך רויִק פֿליסן,
שטילער זײַ און האָף...
מיט דער פֿרײַהייט קומט דער טאַטע,
שלאָף זשע, קינד מײַנס, שלאָף.
ווי די וויליע אַ באַפֿרײַטע,
ווי די ביימער גרין באַנײַטע –
לײַכט באַלד פֿרײַהייטס־ליכט
אויף דײַן געזיכט.

מוזיק : אַלעק וואָלקאָוויסקי (אַלכּסנדר תּמיר)

## 4. **אַ מצבֿה** פֿון **רחל אויערבאַך**

(עס לייענט :  לאהלע פֿישביין)

זייערע נעמען :
אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ,
שׂרה, רבֿקה, רחל, לאה.
און אַ ראובֿן מיט אַ שמעון, אַ יוסף מיט אַ בנימין.
אַ משה מיט אַ אַהרן, אַ יהושע.
און אַ דוד מיט אַ שלמה, אַ שאול, צו זיי – אַ שמואל.
און אַ מאיר און אליעזר, אַ חנינה מיט אַ יוחנן – ווי די תּנאָים.
און אַ צבֿי־הערש און אַ דבֿ־בער, אַן אַריה־לייב, אַ וואָלף...
און אַ מרים מיט אַ דבֿורה, מיט אַ חנה, אַ רות.
און אַ נעכע, אַ טעמע, אַ ציבֿיה –
ווי מאַמעס טײַערע, פֿאַר צײַטנס.
און אַ טײַבעלע, אַ פֿייגעלע – פֿון פֿאָלקסליד.

און ווײַל זיי זײַנען אזוי יונג געווען, אַזוי נאָך נאָענט צו מאַמעס צערטלעכקייט,
האָבן זיי אַנאַנד זיך מיט נעמען קינדישע גערופֿן.
און ווײַל אין פּוילן זײַנען זיי געוואַקסן,
האָבן זיי צו מאָל אויף פּויליש אויך די רופֿנעמען פֿאַרצויגן.
און עס איז געווען אַן אַנטעק, אַ מאַרעק,
און אַ סטעפֿע און אַ רוזשע.

און די וואָס האָבן מיט ארץ־ישׂראל געהאַט אַ שײַכות,
האָבן זיך מיט נעמען גרויסע און פּאַטעטישע גערופֿן. מיט נעמען פֿון מידבר, פֿון תּנך.
און אַ יהודה איז געווען צווישן די פֿירער. ווי אַ מאָל צווישן די חשמונאָים.
אַזש צוויי מרדכיס – פֿון די סאַמע שטאַרקע און פֿלאַמיקע נשמות.

**4. Rokhl Oyerbakh - Stèle funéraire**
(Lecture : Annick Prime-Margules)

Ils se nommaient :
Avrom, Yitskhok, Yankev,
Sore, Rivke, Rokhl, Leye.
Il y eut un Ruvn et un Shimen, un Yoysef et un Binyomen.
Et un Moyshe et un Arn, un Yehoyshue.
Un Dovid, un Shloyme, et avec eux, un Shmuel.
Et un Tsvi-Hersh, un Dov-Ber, un Arie-Leyb, un Volf.
Et une Miryam, une Dvoyre, une Khane, une Rus.
Et une Nekhe, une Teme, une Tsivye —
Comme les mères bien aimées d'autrefois.
Et une Taybele et une Feygele comme dans la chanson populaire.

Si jeunes, si proches encore de la tendresse maternelle,
ils s'appelaient l'un l'autre par leurs prénoms d'enfant.
Grandis en Pologne, il se donnaient parfois des prénoms polonais.
Il y eut donc un Antek et un Marek,
une Stefa et une Ruzha.

Et ceux qui se sentaient liés à la terre d'Israël,
s'appelaient de prénoms glorieux, venus du désert, de la Bible.
Il y eut un Yehuda parmi les chefs, à l'instar des Asmonéens, jadis.
Et deux Mordekhay, âmes des plus fortes et des plus ardentes.

## 4. [המשך]

(עס לייענט : נאַדיאַ דעהאַן)

לאָמיר זאָגן דעם לויב פֿון די יונגע. לאָמיר זיי נישט באַוויינען.
לאָמיר זיי ליב האָבן, ווי זיי וואָלטן אַלע נאָך געווען צווישן אונדז.
לאָמיר זיי דערהאַלטן לעבעדיק אין אונדז ביז אונדזער לעצטן אָטעם.
דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך געקאָנט אין זיי באַנייַען,
און זיי האָבן די לייַדנשאַפֿטן פֿון אַ הייס און שטורמיש לעבן – אין אַ פֿרילינג איין און איינציקן פֿאַרלעבט.
די ליבעס און די פֿרייַנדשאַפֿטן אין קורצע יאָרן, אין חדשים ווייניקע פֿאַרוועבט און אויסגעוועבט.
נישטאָ וואָס זאָל זיך קענען צום גלאַנץ פֿון זייער גורל גלייַכן.
העראָיִש, טרויעריק, עקסטאַטיש – אַלץ.
און פּשוט אַזוי, ווי אַ שוואַרץ שטיק ברויט אין האַנט פֿון פֿאָלק.

מיט וויִעס רויטע פֿון רויך, פֿאַרריסט, באַוואַקסן, אויסגעמאַטערט – האָבן זיי געלויערט אויפֿן שׂונא.
מיט שוואַרצאַפּלען פֿאַרברייטערטע אַרייַנגעקוקט אין פֿייַערבראַנד.
די אַכצן־צוואַנציק און די פֿינף־און־צוואַנציק־יאָריקע – פֿאַרשוואַרצט פֿון קאַמף.
אַ שימער איז פֿון זיי געגאַנגען, אַן אייבּיקייט האָט אָפּגעהילכט אין זייער טראָט.

דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט זיך געקאָנט אין זיי באַנייַען.
זאָל נישט וואַגן קיינער זיי צונעמען צוריק בייַם ג אַ נ צ ן פֿאָלק.
זאָל קיינער זיך נישט אָנהענגען אין זייער כּבֿוד.
נישט קיין משפּחה, קיין פּאַרטיי, קיין לאַנד.
זאָל קיינער פֿון דער הייך נישט פּרוּוון זיי אַראָפּשלעפּן.
זיי זאָלן ווייַטער שוועבן איבער דעכער יִדישע – אַזוי ווי דעמאָלט זיי האָבן געשוועבט, אין יענע טעג.

זייערע נעמען :
אַבֿרהם, יצחק, יעקבֿ...
שׂרה, רבֿקה, רחל, לאה...

**4. [Suite]**

(Lecture : Shahar Fineberg)

Chantons la louange de ces jeunes. Ne les pleurons pas.
Aimons-les, comme s'ils étaient encore parmi nous.
Qu'ils soient vivants en nous jusqu'à notre dernier souffle.
Le peuple entier aurait pu se renouveler en eux.
Mais ils ont consumé toutes les passions d'une vie en un seul et unique printemps.
Leurs amours, leurs amitiés, ils les ont nouées en quelques brèves années, tissées et parachevées en à peine quelques mois.
Rien qui puisse égaler la force de leur destin.
Héroïque, triste, exalté. Tout.
Et simple, comme un morceau de pain noir dans la main du peuple.

Les yeux rougis par la fumée, barbouillés de suie, barbus, épuisés, ils guettaient encore l'ennemi.
Les pupilles dilatées, ils fixaient les flammes des incendies.
Jeunes de 18, 20, 25 ans noircis dans les combats.
Une lueur émanait d'eux, une éternité résonnait dans leurs pas.

Le peuple entier aurait pu en eux se renouveler.
Que personne n'ose les reprendre à ce peuple **entier**.
Que personne ne s'accroche à leur gloire.
Ni famille, ni parti, ni pays.
Que personne ne les arrache à leur hauteur.
Puissent-ils toujours flotter au-dessus des toits juifs, comme alors, comme pendant ces journées-là.

Ils se nommaient :
Avrom, Yitskhok, Yankev…
Sore, Rivke, Rokhl, Leye…

## 5. Shmuel Halkin - Fosses profondes, rouge argile

Traduction : Charles Dobzynski (Lecture : Michel Fisbein)

Fosses profondes, rouge argile,
J'eus autrefois un domicile.
Au printemps les vergers en fleurs,
À l'automne, oiseaux migrateurs,
L'hiver tombait la neige immense :
Il n'y fleurit plus que souffrance.

Un malheur frappa ma maison,
Portes arrachées de leurs gonds,
Par les tueurs, par les brigands,
Ceux qui massacrent les enfants,
Ceux qui pendent les vieillards aux arbres,
Ceux-là qui personne n'épargnent.

Fosses profondes, rouge argile,
J'eus autrefois un domicile.

Les ans l'un sur l'autre ont roulé
Et les fosses furent comblées,
Et plus rouge encore est l'argile,
À présent mon seul domicile.
C'est là-bas que gisent mes frères,
Ceux dont on déchira les chairs,

## 5. טיפֿע גריבער, רויטע ליים פֿון שמואל האַלקין

(עס לייענט : וואַליע פֿעדטשענקאָ)

טיפֿע גריבער, רויטע ליים –
כ'האָב אַ מאָל געהאַט אַ היים.
פֿרילינג – פֿלעגן סעדער בלִיען,
האַרבסטצייט פֿלעגן פֿויגלען ציִען,
ווינטער – פֿלעגט דאָרט פֿאַלן שניי,
איצטערט בליט דאָרט ווינד און וויי.

ס'האָט מײַן היים אַ בראָך געטראָפֿן –
טיר און טויער זײַנען אָפֿן
פֿאַר די רוצחים, פֿאַר די שינדער,
די, וואָס קוילען קליינע קינדער,
די, וואָס הענגען אויף די זקנים,
די, וואָס שאַנעווען ניט קיינעם.

טיפֿע גריבער, רויטע ליים –
כ'האָב אַ מאָל געהאַט אַ היים.

יאָר נאָך יאָר זײַנען אַריבער,
פֿולע זײַנען יענע גריבער,
און נאָך רויטער איז די ליים.
יענע ליים איז איצט מײַן היים :
דאָרטן ליגן מײַנע ברידער,
די צעריסענע אויף גלידער,

Ceux dans leur chambre assassinés,
Devant leur fosse fusillés.

Fosses profondes, rouge argile,
J'eus autrefois un domicile.

Viendront un jour des meilleurs temps
Où le sort changera de sens,
Et les douleurs s'embrumeront,
De nouveau des enfants naîtront,
On entendra leurs jeux, leurs rires
Devant les tombes des martyrs
Devant les fosses toujours pleines
Que ne débordent point nos peines.

Fosses profondes, rouge argile,
J'eus autrefois un domicile.

די געשאָכטענע אין שטוב,
די געשאָסענע בײַם גרוב.

טיפֿע גריבער, רויטע ליים –
כ'האָב אַ מאָל געהאַט אַ היים.

קומען וועלן גוטע צײַטן –
וועט דאָס מזל אויך זיך בײַטן,
וועלן ווייען ווערן לינדער,
וועלן ווידער וואַקסן קינדער,
וועלן קינדער שפּילן, רוישן
ביי די קבֿרים פֿון די קדושים,
ביי די טיפֿע פֿולע גריבער, –
אַז דער וויי זאָל ניט אַריבער.

טיפֿע גריבער, רויטע ליים –
כ'האָב אַ מאָל געהאַט אַ היים.

## 6. Aaron Zeitlin - Autrefois en Pologne

Traduction : Batia Baum (Lecture : Annick Prime-Margules)

C’est là - maintenant -
et c’est déjà autrefois.
C’est dans la vallée des ténèbres,
la vallée profonde.
C’est là - et déjà autrefois,
autrefois en Pologne.

Varsovie. Rue Sienna
soixante-neuf.
Le soir verse
de pleines vitres de vin.
Sur l’étroit balcon,
sommes là, toi et moi - -
Non, pas vrai.
Mais où - où ?
Dans la vallée, la vallée,
la vallée des ténèbres
la vallée d’autrefois -
autrefois en Pologne.

Une lune une rose,
une rose sur le toit.
Une lune une rose
une claire nuit.

## 6. אַמאָל אין פּוילן פֿון אַהרן צייטלין

(עס לייענט : רייזע טורנער)

אָט ערשט – אָט איצט –
און ס׳איז שוין אַמאָל.
ס׳איז אין צלמוות,
דעם טיפֿן טאָל.
איצט – און שוין אַמאָל,
אַמאָל אין פּוילן.

וואַרשע. שיעננע
זעכציק און נײַן.
דער פֿאַרנאַכט גיסט אָן
פֿולע שויבן מיט ווײַן.
אויפֿן שמאָלן באַלקאָן
זײַנען איך און דו – – –
ניין, נישט אמת.
נאָר וווּ – וווּ ?
אין טאָל, אין טאָל,
אין טאָל צלמוות,
טאָל פֿון אַמאָל –
אַמאָל אין פּוילן.

אַ לבֿנה – אַ רויז,
אַ רויז אויפֿן דאַך.
אַ לבֿנה – אַ רויז,
אַ ליכטיקע נאַכט.

Et toi et moi,
en ton œil le repos,
et un ciel semé
de notes dorées -
tout joue sous la main
de Dieu le musicien -
écoute - tu entends ?
C’est maintenant - à l’instant -
non - non -
c’est depuis longtemps déjà dans la vallée,
la vallée des ténèbres,
la vallée d’autrefois.
C’était autrefois,
autrefois en Pologne.

Un très ancien à l’instant.
Un tout récent autrefois.
Arrête, arrête,
ne peins pas les images !
C’était il y a longtemps, longtemps,
c’est arrivé il y a longtemps, longtemps,
et profonde et étroite
est la vallée d’autrefois.
C’était il y a longtemps,
dans un lointain pays,
autrefois, loin dans le temps,
autrefois en Pologne.

און איך און דו,
אין דײַן אויג די רו,
און אַ הימל באַשאָטן
מיט גאָלדענע נאָטן –
אַלץ שפּילט אונטער דער האַנט
פֿון גאָט דעם מוזיקאַנט –
הער – דו הערסט ?
אָט איצט – אָט ערשט –
ניין – ניין –
ס׳איז לאַנג שוין אין טאָל,
אין טאָל צלמוות,
טאָל פֿון אַמאָל.
געווען איז עס אַמאָל,
אַמאָל אין פּוילן.

פֿאַרצײַטיקער אָט־ערשט.
אָט־ערשטיקער אַמאָל.
הער אויף, הער אויף,
די בילדער נישט מאָל !
לאַנג, לאַנג איז עס געווען,
לאַנג, לאַנג איז עס געשען,
און טיף און שמאָל
איז דער טאָל פֿון אַמאָל.
געווען איז עס לאַנג,
אין ערגעץ אַ לאַנד,
אַמאָל, הערט לאַנג –
אַמאָל אין פּוילן.

## 7. Reyzl Zychlinski - Je veux encore une fois marcher ici…

Traduction : Rachel Ertel (Lecture : Laurence Fisbein)

Dedié aux 3030 victimes de mon village natal
qui ont péri dans les chambres à gaz de
Chelmno, en Pologne, en avril 1942

**I**

Je veux une fois encore marcher
ici sur l'herbe
et jeter mes larmes
au ciel
et au vent
qui évente mon visage.
Je veux que mes pas prennent encore un fois
la mesure du malheur sur ce lopin de terre
où jadis se trouvait ma maison.
La porte n'est pas là
et ma mère
jamais plus ne rentrera
couverte de neige
une cruche à lait bleue à la main
et une aube bleue dans les yeux.
Les fenêtres ne sont pas là
le soleil ne se promènera plus
de mur en mur
de coin en coin

## 7. איך וויל נאָך אַ מאָל דאָ גיין איבערן גראָז פֿון רייזל זשיכלינסקי

(עס לייענט : אַרנאָ ביקאַר)

געווידמעט די 3030 קדושים פֿון מײַן היימשטעטל גאָמבין,
וואָס זײַנען אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן פֿון
כעלמנאָ, אין פּוילן, אין אַפּריל 1942.

**א**

איך וויל נאָך אַ מאָל דאָ גיין
איבערן גראָז,
און וויינען
פֿאַר דעם הימל,
און פֿאַר דעם ווינט,
וואָס ווייעט פֿאַר מײַן פּנים.
איך וויל נאָך אַ מאָל אויסמעסטן דאָס אומגליק
אויף אָט דעם שטיקל ערד,
ווו ס'איז אַ מאָל געווען מײַן היים.
די טיר איז נישטאָ,
און די מאַמע ––
זי וועט מער נישט אַהיימקומען
אַ פֿאַרשנייטע,
מיט אַ בלויען קרוג מילך אין דער האַנט,
און מיט אַ בלויען פֿאַרטאָג אין די אויגן.
די פֿענצטער זײַנען נישטאָ,
די זון וועט מער נישט וואַנדערן
פֿון וואַנט צו וואַנט,
פֿון ווינקל צו ווינקל,

enchantant pour moi
un chat vert sur un tabouret.
Mais les saules au bord de la rivière sont là
mes larmes tombent dans l’eau
et en troublent la paix.

**II**
Tombent, tombent les feuilles jaunes.
Une histoire erre par les chemins,
une histoire d’hommes rassemblés dans un champ
sous une pluie printanière.

Trois mille Juifs, sans eau, sans pain rassemblés
quatre longs jours et nuits printaniers.
Les petits enfants adressaient leurs larmes aux étoiles —
ils avaient faim.

Les pleurs des enfants
n’ont pas assombri les forêts environnantes.
Les voici les forêts vertes
les forêts de Gombin.
[…]

און אויסצויבערן מיר
אַ גרינע קאַץ אויף אַ בענקל.
נאָר די ווערבעס ביַים טיַיך זיַינען דאָ
מיַין טרער פֿאַלט אַריַין אין וואַסער,
און צעשטערט אויף אַ וויַילע זייער רו.

**ב**
פֿאַלן, פֿאַלן געלע בלעטער.
אַ מעשׂה בלאָנדזשעט אַרום אויף די וועגן,
אַ מעשׂה וועגן מענטשן צונויפֿגעטריבענע אויף אַ פֿעלד –
עס האָט געגאָסן אַ פֿרילינגדיקער רעגן.

דריַי טויזנט ייִדן אָן וואַסער, אָן ברויט,
פֿיר לאַנגע פֿרילינגדיקע מעת־לעתן.
קליינע קינדער האָבן געוויינט פֿאַר די שטערן –
זיי האָבן געוואָלט עסן.

פֿון קינדערישן געוויין זיַינען טונקעלער
נישט געוואָרן די וועלדער אַרום.
אָט זיַינען זיי, די גרינע וועלדער,
די וועלדער פֿון גאָמבין.
[...]

**III**

Qui m’appelle dans ce champ ?
Qui connaît encore ici mon nom ?
Un buisson brûle dans le champ -
un enfant crie en son brasier.

J’ôte mes chaussures et vais à la rencontre
du petit enfant, fils de mon voisin :
ses mains ne son plus que charbon noir
mais ses yeux sont ouverts…

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

Je te quitte mon village,
tes chemins sont bleus comme jadis
tes automnes tes marchés se poursuivent
et dans la rivière l’eau coule comme avant.

**ג**

ווער רופֿט מיך דאָ אין פֿעלד ?
ווער קען מיך נאָך דאָ, מײַן נאָמען ?
אַ דאָרן ברענט אין פֿעלד –
אַ קינד שרײַט פֿון די פֿלאַמען.

איך טו אויס מײַנע שיך און גיי צו,
צום קלײנעם זון פֿון מײַן שכן :
זײַנע הענטלעך זײַנען שוין קויל,
נאָר די אויגן זײַנען אָפֿן...

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

איך גיי אַוועק פֿון דיר, שטעטל,
דײַנע וועגן זײַנען בלוי ווי אַ מאָל.
ועסט ווײַטער פּראַווען האַרבסטן, ירידים,
און דער טײַך וועט פֿליסן אין טאָל.

## 8. Khaim Grade - Un petit garçon nu

Traduction : Batia Baum (Lecture : Michèle Tauber)

Créateur du monde en toutes ses formes !
Un petit garçon nu porte un enfant dans ses bras,
porte sa petite sœur, la chérie, la benjamine,
porte sa petite sœur hors de la fournaise à Treblinka.
Et sans cesse erre au-dessus de moi ce garçon dans le ciel
sur les champs de glace et les amas stellaires,
dans la chaleur de braise des hauteurs incendiées de soleil,
et jamais ne s'arrête ni ne cherche à atteindre aucune terre.
Et la fillette se tient à son cou cramponnée,
comme en la marche de la mort vers la secrète chambre dernière.

Créateur des lointaines demeures des cieux,
de notre monde de mal et tes mondes de bien !
Le serpent sifflant qui se mord la queue
a tout autre visage que tes oiseaux chantants,
personne ne pourra confondre leurs figures.
Mais l'homme se dissimule derrière son apparence,
le bourreau aussi a les mains blanches, tout comme sa victime,
et lorsque meurt le bourreau — il est mort une fois pour toutes.
Seul ce gamin chemine sans fin, et cet éternel marcheur
porte sa petite sœur, comme porte sa corbeille de semence le semeur.

## 8. אַ נאַקעט ייִנגל פֿון **חיים גראַדע**

(עס לייענט : חיים גראַדע)

באַשאַפֿער פֿון דער וועלט אין אַלע אירע פֿאָרעמס !
אַ נאַקעט ייִנגל טראָגט אַ קינד אויף זײַנע אָרעמס,
ער טראָגט זײַן שוועסטערל ווײַל זי איז די מיזינקע,
ער טראָגט זײַן שוועסטערל פֿון אויוון אין טרעבלינקע.
און שטענדיק גייט דאָס ייִנגל איבער מיר אין הימל
אויף פֿעלדער אײַז און אויסגעשטערנטן געווימל,
אין היץ אין בראַנדיקן פֿון זון־צעגליטע הייכן,
און בלײַבט ניט שטיין און וויל ניט ערגעץ ווו דערגרייכן.
און ס'האַלט דאָס מיידעלע זײַן האַלדז אַרומגעקלאַמערט,
ווי בײַ דעם טויטמאַרש צום געהיימען לעצטן קאַמער.

באַשאַפֿער פֿון די ווײַטע הימלישע געצעלטן,
פֿון אונדזער שלעכטער וועלט און דײַנע גוטע וועלטן !
די צישענדיקע שלאַנג וואָס דרייט זיך אין אַ בייגל,
זעט אַנדערש אויס ווי דײַנע זינגענדיקע פֿייגל,
פֿאַרבײַטן וועט ניט קיינער זייערע געשטאַלטן.
דער מענטש האָט אָבער אין זײַן אויסזען זיך באַהאַלטן,
ס'האָט אויך דער תּליון ווײַסע פֿינגער ווי זײַן קרבן,
און שטאַרבט דער תּליון – איז ער איין מאָל בלויז געשטאָרבן.
און נאָר דאָס ייִנגל גייט און גייט, און ס'טראָגט דער גייער
זײַן שוועסטערל, ווי ס'טראָגט די זריעה־קאָרב דער זייער.

M’ont encerclé les douze constellations
comme des fils barbelés, et à présent l’étoile de ce garçon.
J’ai recherché le pays sien, cher à son cœur,
qu’il puisse y déposer sa petite sœur,
et j’ai trouvé une colline près du lac Kinereth
où tous les arbres bruisseront à son souvenir.
Mais près du bleu Kinereth il ne veut pas non plus
confier à la terre sa petite sœur froide et nue.
Et sans fin il erre en une orbite lunaire
autour de Treblinka et son autel éteint.

די צוועלף מזלות האָבן מיך אַרומגערינגלט
ווי שטעכלדראָט ; און איצט דאָס מזל פֿונעם ייִנגל.
געזוכט האָב איך דאָס לאַנד וואָס איז אים נאָענט־אייגן,
אַז ער זאָל דאָרט זײַן שוועסטערל אַרונטערלייגן,
און איך האָב אָפּגעזוכט אַ בערגל בײַם כּינרת,
ווו אַלע ביימער וועלן רוישן למזכּרת.
איז וויל ער אויך ניט בײַם כּינרת בײַ דעם בלויען
זײַן קאַלט און נאַקעט שוועסטערל דער ערד פֿאַרטרויען.
און ווײַטער וואַנדערט ער אין גלגל־הירח
אַרום טרעבלינקעס אויסגעלאָשענעם מיזבח.

## 9. Khane Khaytin : Un enfant juif

Traduction : Evelyne Grumberg - Chant : Valentina Fedchenko

Un hameau en Lituanie
Une maisonnette à l'écart blottie
À la fenêtre minuscule
Des enfants se bousculent
Garçonnets aux cheveux de lin
Fillettes aux nattes d'or fin
Et parmi eux tout noirs
Deux yeux qui aussi veulent voir.

## 9. אַ ייִדיש קינד פֿון **חנה חייטין**

עס זינגט : וואַליע פֿעדטשענקאָ

אין אַ ליטוויש דערפֿל ווײַט
שטייט אַ שטיבל אָן אַ זײַט,
דורך אַ פֿענצטער, ניט קיין גרויס
קוקן קינדערלעך אַרויס :
ייִנגעלעך מיט פֿלאַקסן־קעפּ,
מיידעלעך מיט בלאָנדע צעפּ,
און צוזאַמען דאָרט מיט זיי
קוקן אויגן שוואַרצע צוויי.

Yeux noirs charmants tout plein
Petit petit nez mutin
Boucles brunes si serrées
Et des lèvres à baiser
Sa mère est venue avec lui
Bien enveloppé tard dans la nuit
L'a embrassé, plaint, pleuré
Et elle a murmuré :

Mon enfant c'est ta place à présent
Les mots de ta maman souviens-t'en
Ici je te laisse et te confie
Car un danger menace ta vie
Avec les enfants gentiment joue
Sois sage, obéis en tout
Yiddish ne parle ni chante plus
Car juif tu ne l'es plus.

Seule, une mère parle et va au hasard
Dehors il fait sombre, froid, il est tard
Lui souffle au visage le vent
"Dieu, aie pitié de mon enfant"
Telle la mère qui Moïse a laissé
Tel Moïse sur le fleuve lâché
Malheureux, seul, au vent
Elle aussi abandonne son enfant.

שוואַרצע אויגן פֿול מיט חן
און אַ נעזעלע אַ קליין
שטאַרק געלאָקטע שוואַרצע האָר,
ליפּעלעך צום קושן נאָר.
די מאַמע האָט אים דאָרט געבראַכט
אײַנגעוויקלט שפּעט בײַ נאַכט,
געקושט אים שטאַרק, געוויינט, געקלאָגט
און שטילערהייט צו אים געזאָגט :

„פֿון הײַנט, מײַן קינד, איז דאָ זײַן אָרט ;
געדענק דײַן מאַמעס לעצטע וואָרט ;
כ׳לאָז דיך איבער דאָ דערפֿאַר
ווײַל ס׳דראָט דײַן לעבן אַ געפֿאַר.
מיט די קינדער שפּיל זיך פֿײַן,
שטיל, געהאָרכזאַם זאָלסטו זײַן,
קיין יִדיש וואָרט, קיין יִדיש ליד,
ווײַל דו ביסט ניט מער קיין ייִד.

מאַמע גייט און מיט זיך רעדט ;
אין דרויסן — פֿינצטער, קאַלט און שפּעט,
עס ווייט אין פּנים איר דער ווינט :
„האָב, גאָט, רחמנות אויף מײַן קינד !“
צו משהס מאַמע איז זי גלײַך :
אַזוי ווי משהן אויפֿן טײַך,
עלנט, איינזאַם אויפֿן ווינט
האָט זי געלאָזן אויך איר קינד.

## 10. Avrom Sutzkever - Yehoyesh

Traduction : Batia Baum (Lecture : Laurence Fisbein)

(Écrit pour l'hommage au poète Yehoyesh dans le ghetto de Wilno)

La terre — aveugle courant à peine haletant —
et sur ce courant — une poignée de maisons souffrantes,
épaves d'un navire naufragé…
Dans leurs profondeurs —
des âmes d'heures expirées.
Et dans les coins noirs, des enfants —
grises colombes dans une tempête,
emmurés en leur dernière lassitude.

Cette poignée de maisons est emportée par le courant
vers un tourbillon, un bouillonnant chaudron,
à chaque regard plus proche.
On dit adieu.
Brisure des lendemains.
Les mots se séparent des choses avant leur fin.
Encore un instant,
encore,
et
tout à coup —
un nom, joyau saintement forgé de vieil or :
Yehoyesh.

## 10. יהואש פֿון אַבֿרהם סוצקעווער

(עס לייענט : מישעל טאַובער)

(געשריבן צו די והואש־פֿײַערונגען אין ווילנער געטאָ)

די ערד, – אַ בלינדער זשיפּענדיקער שטראָם, –– –
און אויפֿן שטראָם – אַ בינטל קראַנקע הײַזער
ווי רעשטלעך פֿון אַ שיף...
אין זייער טיף –
נשמות פֿון אַרויסגעהויכטע שעהען.
און קינדער אין די ווינקלען –
גראָע טויבן אין אַ שטורעם,
פֿאַרקלאַמערטע אין זייער לעצטער מידקייט.

דאָס בינטל הײַזער טראָגט זיך שטראָם אַראָפּ,
אַנטקעגן קאָכט אַ קעסלגרוב
מיט יעדער בליק אַלץ נענטער.
געזעגעניש.
געפּלאַץ פֿון מאָרגנס.
ווערטער שיידן זיך מיט זאַכן ערבֿ זייער סוף.
נאָך אַ רגע,
נאָך,
און
מיט אַ מאָל –
אַ נאָמען הייליק אויסגעשמידט פֿון אַלטן גאָלד :
יהואָש.

Et soudain se couvre de floraisons de cerisiers
l’exsangue tristesse.
Des sources de bleu, soleils nageant sur les fonds,
ruissellent le long des vitres palpitantes de la nuit
et attendent que l’on ouvre.
Et en place de tombes et de caves —
se dresse parmi les cèdres un temple
aux colonnes pétries
des ossements de générations. — — —
S’éveille quelle puissante, renaissante fête !
Quelle lumière, sincère reconnaissance !
Chacun de ces enfants agonisant dans les coins
s’est mué en jeune prophète,
lavé dans la prime rosée
de roses d’un blanc de neige,
et sur les lèvres —
bénédiction et prophétie
entretissées de visions
de joie en délivrance
de peuple en fête.

La mort elle-même s’effraie devant telle beauté
et repousse en arrière
son chaudron bouillonnant de boue et de fumée — — —

און שוין פֿאַרגייט מיט קאַרשנבליטן
דער פֿאַרשמאַכטער טרויער.
קוואַלן בלאָ, מיט זונען אויף די דעקן,
שנירלען זיך פֿאַרבײַ די נאַכטיק פֿלאַטערדיקע שויבן
און וואַרטן מע זאָל עפֿענען.
און אַנשטאָט גרוב און קעלער –
טורעמט צווישן צעדערן אַ טעמפּל
מיט זײַלן אויסגעקנאָטענע
אויס דעם געביין פֿון דורות. – – –

סאַראַ מאַכטיק אויפֿגעוואַכטער יום־טובֿ !
סאַראַ ליכטיק־ריכטיקע דערקענטשאַפֿט !
יעדער פֿון די גוססדיקע קינדער אין די ווינקלען –
איז איצט פֿאַרוואַנדלט אין אַ יונגן נבֿיא,
געוואַשן אינעם ערשטן טוי
פֿון שנייִק ווײַסע רויזן.
און אויף די ליפּן –
בענטשונג און נבֿואה,
אײַנגעוועבט מיט זעונגען
פֿון אויסגעלייזטער פֿרייד,
פֿון יובלדיקן פֿאָלק.

דער טויט אַליין דערשרעקט זיך פֿאַר דער שיינקייט,
און טרײַבט אַוועק צוריק
זײַן בלאָטיק־רויכערדיקן קעסל – – –

## 11. Yitskhok Katzenelson - Ouverture d'une soirée de cercle biblique

Traduction : Batia Baum (Lecture : Batia Baum)

Tanakh !
Première soirée de lecture du Tanakh —
souvenez-vous de cette date !
Vous êtes venus fatigués, épuisés, écrasés,
dans l'œil une larme et une douleur au cœur —
on ne peut, apparemment, s'en défaire et les fuir…
Où que vous veniez, elles viennent avec vous, les douleurs !
Aujourd'hui, mes chers, mes frères, mes sœurs,
aujourd'hui vous allez les vendre,
aujourd'hui à cette soirée de Tanakh —
Tanakh !
Notre antique forteresse !
Entre toutes forteresses, la plus grande, la plus forte !
Regardez, écoutez et reconnaissez :
le Tanakh,
la forteresse !
Le ciel est son toit —
les quatre coins du monde — ses murs,
la terre est sa fondation,
et bien qu'on ne le voie pas, son seigneur,
son maître —
en chaque coin, en chaque fente
vous allez sentir et percevoir —
Dieu !

## 11. עפּענונג צו אַ תּנך־אָוונט פֿון יצחק קאַצענעלסאָן

(עס לייענט : בתיה בוים)

תּנך !
דער ערשטער אָוונט פֿון תּנך –
געדענקט די דאַטע !
איר זענט געקומען מידע, מאַטע,
מיט אַ טרער אין אויג און מיט אַ וויי אין האַרצן –
מען קען, אַ פּנים, ניט פֿון זיי אַנטלויפֿן...
וווּהין איר קומט – קומען מיט, מיט אײַך, די שמאַרצן !
הײַנט, נאָענטע מײַנע, ברידער, שוועסטער טײַ'רע,
הײַנט וועט איר זיי פֿאַרקויפֿן,
הײַנט אויף דעם אָוונט פֿון תּנך –
תּנך !
ס'איז אונדזער אַלטע פֿעסטונג !
צווישן אַלע פֿעסטונגען די שטאַרקסטע און די גרעסטע !
קוקט זיך צו, הערט צו זיך און דערקענט :
דעם תּנך,
די פֿעסטונג !
דער הימל איז איר דאַך –
די פֿיר עקן וועלט – די ווענט,
די ערד איז איר יסוד –
און כאָטש מען זעט אים ניט, איר האַרן,
דעם הערשער אירן –
אין יעדן ווינקל דאָרט, אין יעדער שפּאַרע
וועט איר דערפֿילן און דערשפּירן –
גאָט !

Tanakh !
Première soirée de Tanakh !
Venez, frères en détresse, venez, malheureuses sœurs,
nous allons nous cacher une heure
dans l’antique, antique
château-fort qui est nôtre,
dans la forteresse,
dans le Tanakh —
tonnerre puissant et éclair tranchant — sa langue,
les montagnes — ses cris figés — durs rochers…
Le bruit du vent — son chant,
et le soleil — sa lumineuse pensée suprême,
son leitmotiv, son thème,
le clair de lune — son doux poème,
et les étoiles d’or — ses vers,
ses idées larges et pleines et profondes —
toutes ses mers !

Le Tanakh !
Qu’importe en quelle langue, c’est égal,
yiddish ou hébreu —
il est nôtre fondamental, il est nôtre en idéal.
Que sa langue soit parfaite ou entachée d’erreurs —
nôtre s’exprime à travers lui l’esprit !
Qu’il soit mauvais ou bon —
c’est notre moelle en lui et notre sang !
Tanakh !

תּנך !
דער ערשטער אָוונט פֿון תּנך !
קומט ברידער עלנטע, קומט עלנטע איר שוועסטער
מיר וועלן זיך אַ שעה באַהאַלטן
אין דעם אַלטן, אַלטן
אונדזער שלאָס, אין פֿעסטונג,
אין דעם תּנך –
דער דונער שטאַרק און שאַרף דער בליץ – זײַן שפּראַך,
די בערג – פֿאַרגליווערטע געשרייען זײַנע – פֿעלדזן האַרטע...
דער גערויש פֿון ווינטן זײַן געזאַנג,
און די זון, די ליכטיקע זײַן הויפּטגעדאַנק,
זײַן לייטמאָטיוו,
די לבֿנה העל – זײַן ליד זײַן צאַרטע
און די שטערן גאָלדענע – די גראַמען,
די אידייען זײַנע ברייט און פֿול און טיף –
זײַנע אַלע ימען !

דער תּנך !
אַלץ איינס אין וועלכע שפּראַך,
צי ייִדיש, צי העברעיִש –
ר׳איז אונדזערער אין תּוך גענומען, ר׳איז אונדזערער אידעיִש.
צי דער תּנך איז פֿולקום צי פֿאַרגרײַזט –
אונדזער רעדט פֿון אים אַרויס, דער גײַסט !
צי ער איז שלעכט צי גוט –
ס׳איז אונדזער מאַרך אין אים און אונדזער בלוט –
תּנך !

Qu’est-ce que le Tanakh ?
Un merveilleux, un céleste château sur terre,
une lumière
sans fin,
des souffrances sans mesure,
et tant, tant de peine…
Venez, malheureux, venez, Juifs, et reconnaissez,
cette lumière éternelle, cette peine humaine,
et appelez à vous, bien que d’une voix retenue :
Mienne ! Mienne ! Mon bien !
Cette grande lumière et ces grandes peines —
Miennes ! Miennes ! Mon bien !
Les douleurs et le rayonnement !

Tanakh !
Vous êtes venus à une soirée de Tanakh,
déprimés,
abattus,
l’humeur sombre —
votre sort est amer, amer…
Il le sait bien !
Il le sait, le Tanakh, il sait —
c’est votre esprit qui souffle en lui,
en lui bouillonne le sang de votre sang,
la voix qui tonne en lui est votre voix —
soyez consolés !

וואָס איז אַזוינס תּנך ?
אַן איבערערדישער אויף דר׳ערד, אַ ווונדערלעכער שלאָס
אַ ליכטיקייט וואָס אָן אַן ענד,
לײַדן אָן אַ מאָס
און פּײַן אַ סך, אַ סך...
קומט, עלנטע, קומט ײַדן און דערקענט,
דאָס אייביקע, דאָס ליכט, די מענטשלעכע די פּײַן –
און רופֿט צו זיך, כאָטש אײַנגעהאַלטן, אויס :
מײַנע ! מײַנע ! מײַן !
די גרויסע ליכטיקייט און די לײַדן גרויס –
מײַנע, מײַנע, מײַן !
דער ווייטאָג און די שײַן !

תּנך
איר זענט געקומען אויף אַן אָוונט פֿון תּנך,
צעטראָגענע,
דערשלאָגענע,
מיט פֿינצטערע געמיטער –
עס אין אײַך ביטער, ביטער...
ער ווייסט עס גוט !
ער ווייסט עס דער תּנך, ער ווייסט –
עס איז דאָך אײַער גײַסט וואָס ווײ׳ט אין אים,
עס ברויזט אין אים דאָס בלוט פֿון אײַער בלוט,
די שטים וואָס דונערט דאָרט איז אײַער שטים –
זײַט געטרייסט !

Venez, venez, amers,
égarés, perdus
sur toutes les routes de ce monde,
venez, venez, tremblants d’effroi,
gelés de froid,
venez avec vos sources,
venez, chers,
venez vers votre source —
vers ses eaux comme de vin,
vers le Tanakh !
Il ne sommeille ni ne dort — il est toujours en éveil,
il voit, il écoute et sait tout,
rejetez en son sein toutes vos douleurs,
crachez en son sein toute votre bile amère,
et de vos souffrances il devient plus doux encore !
Comme
la source amère s’est faite douce du sel
qu’Elisha a jeté en elle —
venez —
sur le Tanakh tombe une lumière projetée de votre ombre !
Le Tanakh —
il est votre père et votre enfant,
est votre passé et votre futur,
non, la parole du prophète n’est pas partie avec le vent !
Et ne se taira pas encore à l’avenir
en lui votre génie, comme jusqu’à présent !

קומט, קומט פֿאַרביטערטע,
פֿאַרבלאָנדזשעטע, פֿאַרלוירענע
אויף אַלע וועגן פֿון דער וועלט,
קומט, קומט פֿאַרציטערטע,
פֿאַרפֿרוירענע פֿון קעלט,
קומט מיט די קוואַלן אײַערע,
קומט טײַערע,
קומט צו צו אײַער קוואַל –
צו זײַנע וואַסערן ווי ווײַן,
צו דעם תּנך !
לא ינום ולא יִישן – ער איז שטענדיק וואַך,
ער זעט, ער הערט זיך צו און ווייסט פֿון אַלץ,
וואַרפֿט די ווייטאָגן די אַלע אײַערע אַהין אַרײַן,
שפּײַט אויס אַהין די גרינע אײַערע די גאַל,
פֿון אײַערע יסורים ווערט ער מערער זיס !
ווי עס איז
אלישעס ביט׳רער קוואַל געוואָרן זיס פֿון זאַלץ
וואָס אלישע האָט אין אים געשאָטן –
קומט –
עס פֿאַלט אויף דעם תּנך אַ ליכט פֿון אײַער שאָטן !
דער תּנך –
ער איז דער טאַטע אײַערער און אײַער קינד
אײַער עבֿר און די צוקונפֿט אײַ׳רע איז ער.
ניין ניט אַוועק איז ס׳וואָרט פֿון נבֿיא מיטן ווינט !
און ניט פֿאַרשטומען נאָך
וועט אין אים דער געניוס אײַערער ווי ביז הער !

Le Tanakh !
Le livre des souffrances éternelles et de la vie éternelle !
Vôtre est la vie, et vôtres les souffrances !
Tout ce qu'il a en lui —
C'est vous qui le lui avez donné !
Les peines et les joies !
Vous avez passé le jour en lui
et aussi passé la nuit !
Vos souffrances incompréhensibles,
la honte et l'opprobre sans raison —
quand elles s'unissent à un chapitre du Tanakh,
elles deviennent compréhensibles et justifiées !
Venez, Juifs de mon cœur,
versez en un même flot avec les anciennes vos nouvelles peines —
vos fraîches larmes,
votre nouvelle lamentation,
la souffrance du dernier jour —
dans le Tanakh elles ne vont pas tarir !
Elles restent éternelles !
Et une peine devenue éternelle
est joie !
Une peine devenue éternelle
est belle !

Venez, Juifs incroyants, venez et devenez
en ce Tanakh qui est vôtre, croyants !
Croyez : ceux qui créent l'éternité sur terre —
sont ici sur terre éternels !

דער תּנך –
דאָס בוך פֿון ליידן אייביקע און פֿון אייביק לעבן !
אײַער איז דאָס לעבן און אײַערע די ליידן !
אַלץ וואָס ער פֿאַרמאָגט –
איר האָט אים׳ס געגעבן !
די ליידן און די פֿריידן !
איר האָט אין אים געטאָגט,
און אויך אין אים גענעכטיקט !
די אומפֿאַרשטענדלעכע יִסורים אײַערע,
און די שאַנד די אומבאַרעכטיקטע און שמאַך –
ווען זיי באַהעפֿטן זיך מיט אַ קאַפּיטעלע תּנך –
ווערן זיי פֿאַרשטענדלעך און באַרעכטיקט !
קומט ייִדן טײַערע
גיסט צוזאַמען מיט די אַלטע די פֿרישע אײַערע –
די טרערן,
די נײַע אײַערע די קלאָג,
די פּײַן פֿון לעצטן טאָג –
זיי וועלן אין תּנך ניט אויסגערונען ווערן !
זיי בלײַבן אייביק !
און אַ פֿאַראייביקטע אַ לייד
איז פֿרייד !
אַ פֿאַראייביקטע אַ פּײַן –
איז שײַן !

קומט אומגלייביקע איר ייִדן, קומט און ווערט
בײַם תּנך, בײַ אײַערן דאָ גלייביק !
גלייבט : די וואָס שאַפֿן אייביקייטן אויף דער ערד –
זענען אויף דער ערד דאָ אייביק !

## 12. Hirsh Glik : Zog nit keyn mol

Chant : Valentina Fedchenko et tous

zog nit keyn mol, az du geyst dem letstn veg,
khotsh himlen blayene farshteln bloye teg.
kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho,
es vet a poyk ton undzer trot — mir zaynen do !

fun grinem palmenland biz vaysn land fun shney
mir kumen on mit undzer payn, mit undzer vey,
un vu gefaln iz a shprits fun undzer blut,
shprotsn vet dort undzer gvure, undzer mut !

es vet di morgnzun bagildn undz dem haynt,
un der nekhtn vet farshvindn mitn faynt.
nor oyb farzamen vet di zun in dem kayor,
vi a parol zol geyn dos lid fun dor tsu dor !

dos lid geshribn iz mit blut un nit mit blay.
s'iz nit keyn lidl fun a foygl af der fray —
dos hot a folk tsvishn falndike vent
dos lid gezungen mit naganes in di hent.

to zog nit keyn mol, az du geyst dem letstn veg,
khotsh himlen blayene farshteln bloye teg.
kumen vet nokh undzer oysgebenkte sho,
es vet a poyk ton undzer trot — mir zaynen do !

## 12. זאָג ניט קיין מאָל פֿון הירש גליק

עס זינגען : וואַליע פֿעדטשענקאָ און אַלע

זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט : מיר זײַנען דאָ !

פֿון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווײַסן לאַנד פֿון שניי
מיר קומען אָן מיט אונדזער פּײַן, מיט אונדזער וויי,
און ווּ געפֿאַלן ס'איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבֿורה, אונדזער מוט.

עס וועט די מאָרגנזון באַגילדן אונדז דעם הײַנט
און דער נעכטן וועט פֿאַרשווינדן מיטן פֿײַנד.
נאָר אויב פֿאַרזאַמען וועט די זון אין דעם קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פֿון דור צו דור !

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און ניט מיט בלײַ,
ס'איז ניט קיין לידל פֿון אַ פֿויגל אויף דער פֿרײַ —
דאָס האָט אַ פֿאָלק צווישן פֿאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט !...

טאָ זאָג ניט קיין מאָל אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלײַענע פֿאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט : מיר זײַנען דאָ !

musique : Dimitri Pokras — מוזיק : דימיטרי פּאָקראַס

**12. Hirsh Glik : Ne dis jamais** (traduit sous le titre **Nous sommes là !**)

Traduction : Charles Dobzynski

Ne dis jamais que tu prends ton dernier chemin
Quand les jours bleus sont écrasés sous un ciel bas,
L'heure viendra que nous avons tant espérée
Frappant le sol nos pas diront : nous sommes là !

Des palmiers verts jusqu'aux lointains pays neigeux
Nous sommes là ! le cœur en peine et douloureux.
Où notre sang goutte après goutte fut semé
Notre courage et notre force vont germer.

Soleil futur tu embellis le jour présent,
Hier est l'ombre où disparaîtront nos tyrans,
Si le soleil se perd avant le jour levant
Tel un appel d'âge en âge soit notre chant.

Il fut écrit, ce chant, par le sang, par le feu,
Ce n'est pas le chant d'un oiseau dans le ciel bleu,
Quand tout brûlait, parmi les murs qui s'écroulaient,
Fusil en main mon peuple a chanté ces couplets.

Ne dis jamais que tu prends ton dernier chemin
Quand les jours bleus sont écrasés sous un ciel bas,
L'heure viendra que nous avons tant espérée
Frappant le sol nos pas diront : nous sommes là !